Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 150 | Łódź, Środa, 29 czerwca 1932 r. | צענטער יאהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך, כ״ה סיון תרצ״ב | № 150

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

# געגן דער בּוּליגאַנעריע אין דייטשלאַנד

## רעזאָלוציע פון וואַרשעווער קהלה-פּראָטעסט-מיטינג אין יוד. סוחרים-פעראיין

וואַרשאַ, 28 (טעלעפאָניש).

דאָנערשטאָג וועט אין צענטראַלען סוחרים-פעראיין פאָרקומען א פּראָטעסט-מיטינג געגען דעם פערפאָלגען יודען אין דייטשלאַנד.

* * *

אויף דער היינטיגער זיצונג פון וואַרשאָווער קהלה ראט איז בעשלאָסען געוואָרען צו פּראָטעס-טירען געגען דעם כוליגאַנישען אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד און געגען דעם בעשלוס פון פּרייסי-שען לאַנדטאָג וועגען קאָנפיסקירען דאָס פערמעגען פון יודען.

דרעזדען, 28 (ספּ. טעל.)

דאָ איז פאָרגעקומען ביים אַנטייל פון פאַר-שטעהער פון דער וויסענשאַפטס-וועלט, גייסטליכע און כלל-טוער אַ פערזאַמלונג וועגן קאמף מיט אַנטיסעמי-טיזם. ס'זענען געהאַלטען געוואָרען שאַרפע רעדעס געגען דעם אַנטיסעמיטיזם. די היטלער-לייט האָבען אינמיטען דער פערזאַמלונג אַרויסגערופען אַנ'-אָרדנונג.

## טעלעפאָן מאָסקווא — ניו-יאָרק

ריגע, 28 (ספּ. טעל.)

לויט די מיטיילונגען פון דער סאָוויעטישער „פּראַוודאַ" זענען אין מאָסקווא פערענדיגט גע-וואָרען די צוגרייטונגס-אַרבייטען צו דער טעלע-פאָן-קאָמוניקאַציע מאָסקווא—ניו-יאָרק.

## ווייטערדיגע בּלוטיגע קאַמפּען אין דייטשלאַנד

בערלין, 28 (ספּ. טעל.) אויף דער גאַס האָבען קאָמוניסטען היינט דערשאָסען א היטלעראַ-ווייק.

נאָך די נעכטיגע בלוטיגע קאַמפען אין לייפּציג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ פערבאָט איינצואָרדנען דעמאָנסטראַציעס. פון גאַנצען לאַנד קומען אָן ידיעות וועגען בלוטיגע פּאַרטיי-קאַמפען.

## פערפלייצונגס-קאַטאַסטראָפע אין רומעניען

בוקאַרעשט, 28 (ספּ. טעל.)

צוליב די אומאויפהערליכע רעגענס האָבען די טייכען פון גאַנצען לאַנד פערפלייצט. הונדער-טער הייזער אין די דערפער זענען אין גאַנצען פערניכטעט. די בעפעלקערונג איז עוואַקוּאירט. פיל באַהן-ליניעס זענען איבערגעריסען געוואָרען. די מאַטעריעלע שאָדענס זענען אומגעהויער.

## מוראדיגע שרפה אין האַנאָווער
### ס'ברענט די גרויסע אָפּערע

בערלין, 28 (ספּ. טעל.) אין האַנאָווער איז אויסגעבראָכען א מוראדיגע שרפה אין דער גרויסער אָפּערע. ביז אין אָוונד איז די שרפה נאָך נישט איינגעלאָשען געוואָרען. עטליכע פייער-לעשער זענען בעת דער אַקציע שווער פערוואונ-דעט געוואָרען. די שאָדענס זענען נישט אָפּצושאַצען.

## שרעקליכער פאָרפאַל ביי שיס-איבּונגען
### 4 זעלנער דערהרגעט געוואָרען

לוצק, 28 (ספּ. טעל.) בעת די היינטיגע שיס-איבונגען האָט אויפגעריסען אַ האַרמאַט און דערהרגעט 4 זעלנער. צווישען זיי אַ יודישער זעלנער יוסף פרידמאַן. לייכט פערוואונדעט איז גע-וואָרען דער יודישער זעלנער הערש פינקעלשטיין.

א הערצליכען מזל-טוב
ווינשען מיר אונזער זעהר געעהרטען חבר
בעריל ווילבריב
סטאַרשע פון טאַפּעצירער-צעך אין לאָדז מיט
זיין פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער
מאַליאַ מיט ה' מיכאל שעפער
וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 21-טן ד. ח.
מיר ווינשען אייך איהר זאָלט האָבען פיל
נחת פון אייערע קינדער.
די פערוואַלטונג און מיטגלידער פון
טאַפּעצירער-צעך אין לאָדז.
9006

פאַר גאָלד, ביזשוטעריע
און לאָמבאַרד-קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
איזידאָר פיאַלקאַ, פּיעטריקאָווער 7

אונזער טיפען צער דריקען מיר אויס ביי דעם פרישען קבר פון דעם ביי אונז אַזוי אומגעריכט אוועקגעריסענעם ליב-האַרציגען חבר, דעם לאָדזער יודישען זשורנאַליסט

נ״ע משה
בליישטיפט

זיין אַרבייטזאַמקייט, ערנסטקייט, עהרליכקייט און געוויסענ-האַפטקייט וועט אויף שטענדיג בלייבען אַ מוסטער פאַר דעם יודישען קולטור-טוער.

כבוד זיין אנדענק!

רעדאַקציע
„נייער פאָלקסבלאַט"

נאָך קורצע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאָטער, זוהן, ברודער, שוואָגער און אָנקעל

נ״ע משה
בליישטיפט
אין עלטער פון 40 יאהר

די לויה קומט פאַר היינט, מיטוואָך, דעם 29-טען יוני 1932, 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז פּאָמאָרסקאַ 101. וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.
4008

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין קאַליש
נ״ע אייזיק קראַנזילבער
ב״ר יהודה מאיר ז״ל
מיטאינהאַבער און גרינדער פון אונזער פירמע.
מיט זיין בעוואונדערונגס-ווערטען אונטערנעהמונגס-גייסט און זעלטענער לאָגיק האָט ער פיל בייגעטראָגען צו דער פונאַנדערבליהונג און וואוקס פון אונזער אונטערנעהמונג.
דאָס ליכטיגע אָנדענקען פון דאָזיגען איידעלען מענש וועט אייביג בלייבען אין אונזער זכרון!
DOM ROLNICZO-PRZEMYSŁOWY
„KORONA" w Łodzi.
3997

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין קאַליש אין עלטער פון 48 יאָהר מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאָטער, זוהן, ברודער, שוואָגער און אָנקעל
3997
נ. ע. אייזיק ב״ר יהודה מאיר ז״ל
קראַנזילבער
נכד הרב הגאון הצדיק ר' משה אהרן ז״ל אב״ד מעיר קוטנא.
די לויה קומט פאַר היינט, מיטוואָך, דעם 29. יוני 1932, אין קאַליש, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז, קאַנאַניצקאַ 7, וועגען וואָס עס טיילט מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

